# דעם רבינ'ס ליכט

בשלח תשפ"ג
גליון 128



אֵייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

דעם שַׁבָּת רוּפְט מֶען 'שַׁבָּת שִׁירָה'. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז שַׁבָּת שִׁירָה פְּלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פָארְן צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים, זֵיי צוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעשְׁמַאק מִיט אַ וַוארֶעמְקֵייט, נִישְׁט צוּ פַארְשְׁלָאפְן דִי יָארְן.

לָאמִיר זֶען וִויאַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט צוּ גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ! עֶס אִיז אַמָאל גְעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל וֶועלְכֶער אִיז גֶעלֶעגְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִימֶער, זַיין בֶּעטְל אִיז גְעוֶוען נֶעבְּן דֶעם רֶבִּי'נְס בֶּעט. אֵיינְמָאל אִיז דָאס קִינְד צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ גְענוּמֶען וֵויינֶען! "אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!" זָאגְט דֶער אִינְגְל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז דַאן גֶעלֶעגְן אוֹיפְן בֶּעט, מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואסְפַארַא תִּקּוּנִים אוּן כַּוָּנוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גְעהַאט בַּיים גֵיין שְׁלָאפְן, אָבֶער וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אִינְגְל בֶּעט זִיךְ אַז עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגְל, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין בֶּעט אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוּן זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁמוּעֶסְן




מִיט'ן קִינְד, אוּן אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וֶועלְכֶע סְפָרִים צוּ לֶערְנֶען אוּן אוֹיךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן זַיין פוּן דִי "מָארֵי דְחוּשְׁבְּנָא" דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן זֹהַר הַקּוֹדֶשׁ אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף יֶעדְן טָאג 'מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן' – אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, וִוי מִיר זֶעעֶן אַסַאךְ מָאל אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת וִוי ר' נָתָן רֶעדְט אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף הָאבְּן אַ חֶשְׁבּוֹן וִוי עֶר הַאלְט אוֹיף דֶער וֶועלְט. וִוי הַאלְט אִיךְ מִיט מַיינֶע מִדּוֹת, מַיין שִׂמְחָה אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד, וִוי הַאלְט אִיךְ מִיט תּוֹרָה, מִיט כִּבּוּד-אָב-וָאֵם? וִוי שְׁטֵיי אִיךְ מִיט תְּפִלָּה?

דֶער רֶבִּי זָאגְט פַארְן קִינְד: "יֶעדְן נַאכְט פַאר דוּ לֵייגְסְט זִיךְ שְׁלָאפְן אוֹיפְן בֶּעט, מַאךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וִוי אַזוֹי דַיין טָאג אִיז אַדוּרְךְ?" אוֹיבּ הָאסְטוּ גוּט גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוְונְט, זָאלְסְטוּ דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זָאגְן: "אִיךְ לוֹיבּ דִיר אוּן דַאנְק דִיר אוֹיבֶּערְשְׁטֶער!! הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג אַ זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל אוּן תְּפִלָּה טוּן, בֶּעט אִיךְ דִיר בַּאשֶׁעפֶער, 'הֶעלְף מִיר אַז מָארְגְן זָאל אִיךְ קֶענֶען צוּלֵייגְן מֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶער אִין תּוֹרָה, דַאוֶונֶען מִיט מֶער גֶעפִיל אוּן גֶעשְׁמַאק'."

אוֹיבּ אָבֶער הָאט מֶען חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוּן בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ הַיינְט לֵיידֶער זִיךְ גֶעפוֹילְט, אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעדִינְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, 'בֶּעט אִיךְ זִיךְ בַּיי דִיר אוֹיבֶּערְשְׁטֶער, זֵיי

המשך אויף זייט 4

# לייבּעלע

## פאַרזעצונג #5

*אַבִּיסְל פוּן פְרִיעֶר: ר׳ יִצְחָק בְּרֵייטֶער וויל צוּרִיקבְּרֶענגֶען דֶעם פאַרְלוֹירֶענֶעם נְשָׁמָה, עֶר גֵייט אַרַיין אִין שְׁטוּב ווִי יִשְׂרָאֵל מֵאִיר אַרְבֶּעט און רֶעדְט גְלַייךְ צוּ זַיין נְשָׁמָה.*

צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְקְרִיכְן דִי וֶוערְטֶער פוּן ר׳ יִצְחָק בְּרֵייטֶער אִין הָאֶרֶץ פוּן יִשְׂרָאֵל מֵאִיר. עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגִיכְטֶערְט פוּן זַיין חָלוֹם אַז עֶר גֵייט פַארְדִינֶען פוּן דִי דִמְיוֹנוֹת און נַארִישְׁקַייטְן פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס הָאט אִים בַּארִירְט זַיין פִּינְטְל און הָאט בַּאקוּמֶען חֲרָטָה און אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אוֹיף זַיינֶע פִינְסְטֶערֶע טֶעג וָואס אִיז אִים אַרִיבֶּער אַזוֹי פַארְטוּנְקְלְט. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גִיסְן טְרֶערְן. ווִי מֶער ר׳ יִצְחָק הָאט גֶערֶעדְט הָאט עֶר פַארְגָאסְן טַייכְן טְרֶערְן.

דוּ ווֵייסְט, זָאגְט אִים ר׳ יִצְחָק, ״דִי מִינוּט וָואס דוּ מַאכְסְט אָפּ בַּיי דִיר אַז דוּ הֵייבְּסְט אָן לֶעבְן אַ נַייעֶ רֵיינֶע גוּטֶע לֶעבְן, וֶוערְסְטוּ פַארֶערְכְנְט אוֹיבְן אִין הִימְל ווִי אַ נַיי גֶעבּוֹירְן קִינְד, רֵיין פוּן זִינְד. און נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז, אַז אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, דָאס מֵיינְט עֶר הָאט לִיב דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵרוֹת אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט פַאר זְכֻיוֹת. און אִין דִי פְּלַאץ ווִי אַ בַּעַל-תְּשׁוּבָה שְׁטֵייט, קֶען אֲפִילוּ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים נִישְׁט שְׁטֵיין דָארְט, אַזאַ הֵיילִיגֶע אָרְט בַּאקוּמְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס טוּט תְּשׁוּבָה.״

דִי וֶוערְטֶער אִיז אַרוֹיס פוּן אַזאַ רֵיינֶע הָארְץ און אִיז אַרַיין אִין הָארְץ פוּן יִשְׂרָאֵל מֵאִיר. דָאס בִּיסְל גוּטְס וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין יִשְׂרָאֵל מֵאִיר הָאט זִיךְ יֶעצְט אוֹיפְגֶעוֶועקְט תְּחִיַּת הַמֵּתִים. אִין יֶענֶע מִינוּטְן הָאט עֶר בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט, דָאס אִיז דָאס! אִיךְ ווִיל זִיךְ פוּן הַיינְט פַארֶערְכְטְן אַלֶע מַיינֶע נִישְׁט רִיכְטִיגֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן.

און עֶס הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶענוּמֶען צוּ לַאנְג און יִשְׂרָאֵל מֵאִיר אִיז גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט צוּם דֶערְקֶענֶען. זַיין דַאוֶונֶען, זַיינֶע מִדּוֹת, זַיין תּוֹרָה לֶערְנֶען, ווִי אַ גֶעבּוֹירֶענֶער צַדִיק אִיז עֶר גֶעוָוארְן.

ר׳ יִצְחָק אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין קָאנְטַאקְט און ווַייטֶער גֶעהַאלְטְן אַ קֶשֶׁר מִיט אִים, און גֶעהַאלְטְן אַן אוֹיג עֶר זָאל נִישְׁט ווַייטֶער זִיךְ אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן.

דִי אִידְן פוּן נַאלְטְשׁוּב, וָואס זָאגְן זֵיי?

״אִיךְ גְלֵייבּ נִישְׁט וָואס אִיךְ זֶע! דֶעס אִיז יִשְׂרָאֵל מֵאִיר? עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט וַואקְסְן פֵּאוֹת.״

״וָואס?! עֶר קוּמְט אִין שׁוּל מִיט טַלִּית וּתְפִילִין? עֶר גֵייט אָנְטוּן תְּפִלִּין, ווִיאַזוֹי קֶען דָאס זַיין?!״

יָא, יִשְׂרָאֵל מֵאִיר קוּמְט אִין שׁוּל עֶר אִיז אָנְגֶעטוּן מִיטְן גַאנְצְן פְּרַאכְט, אַ טַלִּית און תְּפִלִּין. און דַאוְונְט מִיט תְּמִימוּת, עֶר זָאגְט אַרוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט ווִי אַן אַלֶף-בֵּית אִינְגְל.

עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין שְׁטִיק צַייט און עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַ יְרֵא

שָׁמַיִם אַ מְדַקְדֵק אוֹיף יֶעדֶע מִנְהָג יִשְׂרָאֵל, אוּן מִיט דִי צַייט הָאבְּן דִי שְׁטָאטְסְלַייט פַּארְגֶעסְן זַיין גַאנְצְן עָבַר וָואס אִיז אַמָאל מִיט אִים גֶעוֶוען אוּן דֶער עוֹלָם הָאט אִים שׁוֹין גֶערוּפְן, "ר' יִשְׂרָאֵל מֵאִיר."

ר' יִשְׂרָאֵל מֵאִיר אִיז גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוּן זִיךְ מִשְׁתַּטֵחַ גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוּן גֶעזָאגְט דָארְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ, זַיין נְשָׁמָה הָאט זִיךְ מְקַשֵׁר גֶעוֶוען צוּ דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק, דֶער טַייך וָואס רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע פְלֶעקְן, דֶער וָואס אִיז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ פוּן קַיין נְשָׁמָה.

דָארְט אִין אוּמַאן הָאט עֶר זִיךְ בַּאקֶענְט מִיטְן גְרוֹיסְן חָסִיד ר' שִׁמְשׁוֹן בַּארְסְקִי וֶועלְכֶער הָאט אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן גֶעבְּלִיבְּן נָאנְט מִיט אִים אוּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין שִׁיקְן בְּרִיוְון אִים צוּ מְחַזֵק זַיין מִיט אֱמוּנָה אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

הֶמְשֵׁךְ קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בעז"ה

# איין אשה'לע



*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

אִיךְ ווִיל פַּארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה.

אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן פַּאר אַ אִינְגְל אַ 'תִּיקוּן הַכְּלָלִי' אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעזָאגְט אוּן גְלַייךְ דֶערְנָאךְ אִיז גֶעוֶוען אַ רִיזִיגֶע גוֹרָל אוּן דֶער אִינְגְל הָאט גֶעווִינֶען...

דֶער אִינְגְל הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר הָאט גֶעווִינֶען דִי גוֹרָל וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי!

יִשְׂרָאֵל, מאנטשעסטער

•••

אַ גוּטְן, אֵיין טָאג הָאט אִיךְ גֶעדַארְפְט פִירְן מַיין בְּרוּדֶער אִין חֵדֶר בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם בָּאס-סְטַאנְצְיֶע צוּ כַאפְּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן בָּאס, אִיךְ קוּם אָן צוּ דִי סְטַאנְצְיֶע אוּן אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אִיבֶּער אַ פֶערְטְל שָׁעָה אוּן קַיין בָּאס אִיז נִישְׁט דָא.

הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן, סְ'אִיז אַרִיבֶּער אַפָּאר מִינוּט אוּן סְ'אִיז גֶעקוּמֶען אַ בָּאס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַרוֹיפְגֵיין אָבֶּער... אַ שָׁאד, דִי טִיר פוּנֶעם בָּאס הָאט זִיךְ פַארְמַאכְט וֶוען אִיךְ בְּלַייבּ אִין גַאס...

הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן שִׁיק מִיר נָאךְ אַ בָּאס אוּן סְ'אִיז גֶעקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בָּאס אוּן אִיךְ בִּין אַרוֹיף אוּן אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם. אוֹיף צוּרִיק הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי רִיכְטִיגֶע סְטַאנְצְיֶע בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטְרָאפְן.

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַּאר דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט סְ'אִיז מִיר גָאר שְׁטַארְק מְחַזֵק.

•••

אַ גוּטְן טָאג, אִיךְ ווִיל פַּארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה.

אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק גֶעוָואלְט עֶפֶּעס אַ סָארְט שְׁפִּילֶעַרַיי אוּן אִיךְ בִּין אַרַיין אִין אַ גוֹרָל וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ שְׁפִּילֶעַרַייעֶן וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט גֶעווִינֶען, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁפִּילְן וָואס אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט.

אִיךְ הָאבּ גָאר שְׁטַארְק גֶעדַאוְונְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ דָאס צוּם סוֹף גֶעווִינֶען.

המשך פון זייט 1

מִיר מוֹחֵל!׳ מֶעק אוֹיס מַיינֶע זִינְד, וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, הֶעלְף מִיר אַז מָארְגְן זָאל אִיךְ קֶענֶען דִיר דִינֶען מִיט מֶער כַּוָּונָה, זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִינְגְל ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין״.

אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעלֵייגְט פַאר דֶעם קְלֵיינֶעם אִינְגְל אוּן פַאר אוּנְז אַלֶע קִינְדֶער אוּן פַאר יֶעדְן אִיד פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס אַ וֶועג ווִיאַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן יֶעדְן טָאג זַיין צוּגֶעבִּינְדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכְן מַצָּב מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ גֵייט זַיין ׳חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט׳. עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט אַז דֶער טָאג אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, ״וֶוען עֶס קוּמְט דִי אַלֶע זְמַנִּים בִּין אִיךְ נַיי, נִישְׁט אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר״ אוּן דֶער רֶבִּי רֶעכְנְט אוֹיס דִי יָמִים טוֹבִים, פּוּרִים אוּן חֲנוּכָּה אוּן אוֹיךְ רֶעכְנְט עֶר אַרַיין ׳חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט׳, אַז אִין דֶעם טָאג וֶוערְט עֶר גָאר נַיי. זֶעט מֶען אַז דֶער טָאג אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

בִּפְרָט אַז אִין דֶעם טָאג אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן דֶעם רֶבִּי׳נְס תַּלְמִיד, ר׳ נָתָן פוּן בְּרֶעסְלֶב, אִיז זִיכֶער דָאס אַ הִילְף פַאר אוּנְז זִיךְ צוּ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט אַ נַייעֶ אָנְהֵייבּ, אוֹיךְ אִיז דָאס מְרוּמָז אִין תּוֹרָה, ״כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה...״ (דברים כ, יט) אַז אִין דֶעם טָאג קוּמְט אַרַיין אַ פְרִישְׁקַייט אִין דִי בֵּיימֶער, רוֹב בֵּיימֶער וֶועלְכֶע גִיבְּן אַרוֹיס פֵּירוֹת שְׁטֵייעֶן ווִינְטֶער פַארְטְרִיקְנְט אָן קַיין בְּלֶעטְלֶעךְ אָדֶער פֵּירוֹת, זֵיי שְׁטֵייעֶן פַארְשֶׁעמְטֶערְהֵייט אָן קַיין שֵׁיינְקַייט, אָבֶּער חֲזַ״ל פַארְצֵיילְן אוּנְז אַז דַוְוקָא יֶעצְט אִינְמִיטְן דֶעם קַאלְטְן ווִינְטֶער, וֶוען עֶס בְּלָאזְן ווִינְטְן, עֶס גֵייעֶן שְׁנֵייעֶן אוּן רֶעגְנְס דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בַּאנֵייאוּנְג, אַז שְׁפֶּעטֶער זוּמֶער וֶועלְן זֵיי אַרוֹיסְגֶעבְּן זִיסֶע פֵּירוֹת, אָבֶּער וֶוען הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְלֶעבְּן? ט״ו בִּשְׁבָט.

בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, וֶוען מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען אִיז לֵיידִיג אוּן נַאקֶעדִיג, פַארְשֶׁעמְט פַארְן נִישְׁט קֶענֶען טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ קַיין שׁוּם נְקוּדָה טוֹבָה אִין זִיךְ, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז טַאקֶע דַאן אִיז דִי צַייט וֶוען דוּ הֵייבְּסְט אָן ווַאקְסְן אוּן בְּלִיעֶן.



חֲזַ״ל זָאגְן אַז ט״ו בִּשְׁבָט הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי ׳חֲנָטָה׳ אִין דִי בֵּיימֶער, זָאגְט ר׳ אֶפְרָיִם׳ל אִין עֹנֶג שַׁבָּת אַז דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת פוּן חֲנָטָה אִיז ח׳פּוּשׂ נְ׳קוּדוֹת ט׳וֹבוֹת הַ׳רְבֵּה! צוּ גֵיין מִיט דִי תּוֹרָה פוּן אֲזַמְּרָה אוּן טְרֶעפְן אִין זִיךְ דַוְקָא אִין דִי פַארְפְרוֹירֶענֶע צַייטְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת דוּרְכְדֶעם וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען גוּטֶע פֵּירוֹת.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ קֶענֶען בַּאנַייעֶן דֶעם שַׁבָּת שִׁירָה, צוּ שְׁפִּירְן דִי הַשָּׂגַת אֱלֹקוּת וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט בַּיי קְרִיאַת-יַם-סוּף, וַיִּרְאוּ הָעָם אֶת ה׳, צוּ בַּאקוּמֶען דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן, בִּפְרָט אַז מֶען שְׁטֵייט שׁוֹין גַאנְץ נָאנְט צוּ פּוּרִים, מֶען הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער ״הַצִּילֵנוּ מִקְּלִפַּת הָמָן עֲמָלֵק, וְזַכֵּנוּ לִקְדוּשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר״, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי׳ן פוּן דָאסְנַיי, וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

הדפסת הגליון נתנדב
ע״י ר׳ בנימין אבעלעס הי״ו
לרגל נישואי בנו למזל טוב

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען

**די גורל פון ״גאר מיין זאך איז תפלה״ איז נתנדב געווארן דורך א חשוב׳ן נדבן, פאר די קינדער וועלכע זענען געווען אין שול שבת אינדערפרי פאר הודו, אין א ברסלב׳ע שול.**

**צו קענען אריינגיין אין גורל, קלינג אריין נאך שבת אין טעל-ליין 02-5-3333-72 אויף קנעפל זיבן זאג אריין דיין נאמען און טעלעפאן נומער מיט די ווערטער ״גאר מיין זאך איז תפלה״.**

**דער געווינער פון פרשת בא**

**הילד החשוב נחמן סיימאנס, ירושלים**

**מען קען אפנעמען די מתנה ביים משגיח הרב משה גפנער אין תלמוד תורה ברסלב ירושלים**

## אַ תְּפִלָּה פַאר פּוּרִים

בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דִי שִׂמְחָה אוּן הֵיילִיגְקַייט פוּן ׳פּוּרִים׳, מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דִי קְדוּשָׁה אוּן רֵיינְקֵייט וָואס וֶוערְט נִמְשָׁךְ פוּן דִי ׳פָּרָה אֲדֻמָּה׳ וֶועלְכֶע רֵייניִגְט פוּן ׳טֻמְאַת מֵת׳, וָואס דוּ בַּאשֶׁעפֶער הָאסְט אוּנְז בַּאפוֹילְן צוּ עוֹסֵק זַיין אוּן לֵיינֶען דִי פַּרְשֶׁה פוּן ׳פָּרָה אֲדֻמָּה׳ נָאךְ פּוּרִים. אוּן דוּ הָאסְט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט: אַז דוּרְךְ פּוּרִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ רֵיינְקֵייט פוּן פָּרָה אֲדֻמָּה, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֵיין אוּן מְקַבֵּל זַיין דִי קְדוּשָׁה פוּן קָרְבָּן פֶּסַח אִין זַיין צַייט.

**רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק, אוּן אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה.**

טַאטֶע, אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִּים, אוּן גְרוֹיסֶע פָּארְכְטִיגֶע יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעטוּן צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין אַלֶע דוֹרוֹת, נִסִּים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְּכַי אוּן אֶסְתֵּר, וֶוען הָמָן הָרָשָׁע יִמַּח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי אִידְן.

וָואס דֶער נֵס פוּן פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע נִסִּים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פוּן אַלֶעמָאל. אוּן דוּ הָאסְט אוּנְז צוּאוִויסְן גֶעטוּן דוּרְךְ דַיינֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: אַז ״אַלֶע מוֹעֲדִים וֶוען וֶוערְן בָּטֵל אָבֶער דִי טֶעג פוּן פּוּרִים וֶועלְן נִישְׁט בָּטֵל וֶוערְן״.

אִין אָנְהֵייבּ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פֶּסַח, וַוייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען אַ זֵכֶר צוּ יְצִיאַת מִצְרַיִם, אוּן הַיינְט... (אִיז אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים

# א שמועס מיט'ן זיידן




**זֵיידֶע:** אֶמֶת, אַזוֹי דַארְף אַ אִידִישׁ קִינְד וֶועלְן, אָבֶער וואוּ אִיז פַארְלוֹירְן דַיין שְׁמֵייכְל, בֶּערֶעלֶע? עֶפֶּעס גֵייט פָאר מִיט דִיר?

**בֶּערֶעלֶע:** דֶער רֶבִּי הָאט הַיינְט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל אוֹיף אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה וֶוער עֶס הָאט גוּט גֶעלֶערְנְט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט גֶעוִוינֶען, אָבֶער אַ צְוֵייטֶער חַבֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער גֶעוִוינֶער... אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, זֶעט אוֹיס זֵיידִי, אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַזָל צוּ קַיין גוֹרָלוֹת...

**זֵיידֶע:** הָא דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה?.. יָא סְ'אִיז שְׁוֶוער, סְ'טוּט זֵייעֶר וֵויי! בִּפְרָט אַז דִי הָאסְט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט גֶעוִוינֶען, דֶער רֶבִּי זָאגְט (תִּנְיָנָא פב) אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען וִויל אִיז שְׁוֶוער פַארְן מֶענְטְשׁ! דֶער רֶבִּי רוּפְט עֶס אָן אַז עֶס גֵייט "שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר" עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען וִויל, אָבֶער דוּ וֵוייסְט בֶּערֶעלֶע, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס צוּ זוּכְן דִי גוּטְ'ס אִין יֶעדֶע שְׁוֶועריגְקַייט, לָאמִיר זֶען צַדִיק, וָואס קֶענְסְטוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס גוּטְ'ס אִין דִי הַיינְטִיגֶע מַעֲשֶׂה?

**בֶּערֶעלֶע:** מ..מ.. אַז אִיךְ הָאבּ צוּ וֶועמֶען אוֹיסְצוּרֶעדְן מַיין שְׁוֶועריגְקַייט... נִישְׁט יֶעדֶער הָאט מִיט וֶועמֶען צוּ אִיבֶּערְשְׁמוּעֶסְן וָואס גֵייט אִיבֶּער מִיט אִים... אוּן אוֹיךְ אַז דֶער זְכוּת פוּן גוּט לֶערְנֶען הָאבּ אִיךְ זִיכֶער גֶעוִוינֶען....

**זֵיידֶע:** רִיכְטִיג, רִיכְטִיג, טַאקֶע אַזוֹי, גֶעבּ אַ קוּק בֶּערֶעלֶע הָאסְט נָאר אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זוּכְן גוּטֶע זַאכְן זֶעט מֶען שׁוֹין אַ שְׁמֵייכְל אוֹיף דַיין גֶעזִיכְט.... דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ! אַ חִידוּשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי, מֶען קֶען זִיךְ פְרֵיילֶעךְ מַאכְן אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז אִין אַ שְׁוֶועריגְקַייט, "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי"... אִין יֶעדֶע שְׁמָאלְקַייט קֶען מֶען טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ בְּרֵייטְקֵייט - אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס מִיט דֶעם קֶען זִיךְ פְרֵיילֶעךְ מַאכְן.

דוּ וֵוייסְט בֶּערֶעלֶע, זָאלְסְט נִישְׁט וִויסְן פוּן קַיין צָרוֹת... אָבֶער סְ'אִיז לַיידֶער דָא אִידְן וָואס זֶענֶען אַדוּרְך מַמָּשׁ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דִי עֵצָה הָאט אוֹיךְ זֵיי גֶעשְׁטַארְקְט אוּן פְרֵיילֶעךְ גֶעמַאכְט. סְ'אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ וַוארֶעמֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד מִיטְן נָאמֶען ר' בֵּירֶך רוּבִּינְסָאן זַ"ל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶער אִיד, סְ'אִיז דָא אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן וֶועגְן אִים, דֶער ר' בֵּירֶך אִיז אַרִיבֶּער נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶ'ע נִסְיוֹנוֹת אִין לֶעבְּן, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן בַּיי דִי צְוֵייטֶע וֶועלְטְ'ס קְרִיג זַיין וַוייבּ מִיט זַיינֶע פִיר קִינְדֶער ל"ע, נָאךְ דִי קְרִיג אִיז עֶר אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, דָארְט הָאט עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי שְׁטִיבְּל אִין אִיסְט סַייד מַאנְהֶעטְן אוּן נָאךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן, אֶפְשָׁר וֶועלְן מִיר נָאךְ רֶעדְן וֶועגְן אִים אַן אַנְדֶערְס מָאל. בְּכָל אוֹפָן אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג הָאט אִים אֵיינֶער גֶעטְרָאפְן אִין שׁוּל מוֹרָא'דִיג פְרֵיילֶעךְ אוּן

אוֹיפְגֶערַאמְט, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "זָאגְט מִיר ר' בֵּירֶך, וָואס זֶענְט אִיר אַזוֹי פְרֵיילֶעךְ הַיינְט?!" הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט אַזוֹי:

"הַיינְט צוּפְרִי' וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוְונְט שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג דֶערְמַאנְט אַז הַיינְט אִיז דִי טָאג פוּן דִי בְּרִית פוּן אֵיינֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶער אִיז אוּמְגֶעקוּמֶען אִין דִי קְרִיג הַשֵּׁם יִנְקֹם דָמוֹ, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, דִי זִכְרוֹנוֹת הָאט מִיר צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי שְׁוֶוערֶע יָארְן, אוּן אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִין מִיר אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע גֶעפִילְן פוּן טְרוֹיעֶר אוּן בֶּענְקְשַׁאפְט, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט אַז כְ'הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אִיךְ זִינְק אַיין אִין אַ טִיפֶע קְלָאג וָואס וֶוער וֵוייסְט וִוי מֶען שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַרוֹיס דֶערְפוּן... הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעכַאפְּט אִינְמִיטְן אוּן גֶעזָאגְט צוּ מִיר אַלֵיין: "בֵּירֶך, דֶער רֶבִּי' הָאט גֶעהֵייסְן פְרֵיילֶעךְ זַיין..." דַאן הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן, 'וָואס קֶען אִיךְ טְרֶעפְן עֶפֶּעס גוּטְ'ס אִין דִי שְׁוֶועריִגְקַייט?!' אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַהִין אוּן אַהֶער, וָואס קֶען מֶען שׁוֹין טְרֶעפְן גוּטְ'ס אִין אַזַא צָרָה? מִיטְאַמָאל אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן אַ גֶעדַאנְק אִין מֹחַ! 'יִישַׁר כֹּחַ בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ בְּרִית פַאר מַיין קִינְד בַּיי אַכְט טָאג, אוּן עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען אַ קָרְבָּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער וִוי אַ כָּשֶׁר'עֶר אִידִישׁ קִינְד!.... ' דִי זַאךְ הָאט מִיר אַזוֹי פְרֵיילֶעךְ גֶעמַאכְט..., אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא שִׂמְחָה וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן...

פַארְשְׁטֵייסְט בֶּערֶעלֶע? עֶס אִיז דָא אַ פְּשׁוּטֶ'ע שִׂמְחָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ פְרֵייעדְט זִיךְ וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט, עֶר בַּאקוּמְט וָואס עֶר בַּאגֶערְט, אָבֶּער סְ'אִיז דָא אַ שִׂמְחָה וָואס אִיז נָאךְ הֶעכֶער פוּן דֶעם, צוּ טְרֶעפְן דִי גוּטֶע זַאךְ אוֹיךְ וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי מֶען וִויל, זוּכְן דִי פְרֵייד אִין דִי שְׁוֶועריִגְקַייט דָאס אִיז זֵייעֶר טַייעֶר בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וֶוער עֶס טוּט עֶס קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַזַא שִׂמְחָה, אַזַא פְרֵייד, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט אוֹיסְמָאלְן...


וְזַכֵּנוּ לִקְדוּשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר...

מען הייבט אן בעז"ה אין די קומענדיגע טעג הלכות פון פורים.

מתמידים
והודעתם לבניך
אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון

הלכה
ספרהבנו
מעשיות
גורלות
און נאך



א גוטע געלעגנהייט זיך מיטצוכאפן
אין מתמידים והודעתם לבניך

אמעריקע
646-585-2977
518-329-9216
ענגלאנד 020-376-97807
ארץ ישראל 0733-517202

# די צְוֶועלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## דֶער בַּעַל תְּפִלָּה 5



**און אַזוֹי דֶער גִּבּוֹר אִיז גִיוֶוען אַלֵיין אַ גִבּוֹר.** נָאר דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גְוויזִין דֶעם וֶועג פוּן וַואנֶען עֶר זָאל נֶעמֶען גְבוּרָה. און דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר גִיוֶוען זֵייעֶר אַ ווִילְד גְרוֹיסֶער גִבּוֹר. וָוארִין סֶע אִיז פַארְהַאנְדִין אַ שְׁוֶוערְד וָואס זִי הֶענְגְט אִין דֶער לוּפְטִין. און דִי שְׁוֶוערְד הָאט דְרַיי כֹּחוֹת. אַז מֶע הֵייבְּט אוֹיף דִי שְׁוֶוערְד. אַזוֹי צוּ לוֹיפִין זִיךְ אַלֶע עֶלְצְטֶע פוּן דֶעם חַיִל.

**הָאבִּין זֵיי שׁוֹין מְמֵילָא אַ מַפָּלָה** (דְהַיְינוּ דִי שׂוֹנְאִים) וָוארִין אַז דִי עֶלְצְטֶע אַנְטְלוֹיפִין. הָאט קֵיינֶער נִיט צוּ פִירִין דִי מִלְחָמָה הָאבִּין זֵיי שׁוֹין בְּוַודַּאי אַ מַפָּלָה. נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט. וָואלְטִין אֶפְשַׁר פָּארְט דִי אִיבְּרִיקֶע גִיקָאנְט עֶפֶּעס נָאךְ מִלְחָמָה הַאלְטִין.

**הָאט אָבֶּער דִי שְׁוֶוערְד צְוֵויי שַׁארְפִין.** און זֵיי הָאבִּין צְוֵויי כֹּחוֹת. דוּרְךְ אֵיין שַׁארְף פַאלִין זֵיי אַלֶע. און דוּרְךְ דֶער אַנְדֶערֶער שַׁארְף קְרִיגְן זֵיי דִי דָאר. (דְהַיְינוּ דִי שׂוֹנְאִים וָואס מֶען הַאלְט מִיט זֵיי מִלְחָמָה) דְהַיְינוּ זֵיי וֶוערִין מָאגֶער און דָאס לַייבּ פַאלְט זֵיי אָפּ. אַזוֹי ווִי דִי קְרֶענְק אִיז רַחֲמָנָא לִיצְלַן.

**און נָאר דוּרְךְ דֶעם** וָואס מֶע טוּט אַ מַאךְ מִיט דֶער שְׁוֶוערְד דָארְט ווִי זִי אִיז קְרִיגִין שׁוֹין דִי שׂוֹנְאִים דִי זַאכִין הַנַּ"ל דְהַיְינוּ דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶע מַאכְט מִיט דֶער שַׁארְף הָאבִּין דִי שׂוֹנְאִים גָאר אַ מַפָּלָה. און דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶע מַאכְט מִיט דֶער אַנְדֶערֶער שַׁארְף. קְרִיגִין דִי שׂוֹנְאִים דִי דָאר כַּנַּ"ל.

**און דֶער מֶלֶךְ הָאט גְוויזִין דֶעם גִבּוֹר.** דֶעם וֶועג וָואס סֶע אִיז פַאר הַאנְדִין צוּ דֶער שְׁוֶוערְד. און פוּן דָארְט הָאט עֶר גִינוּמֶען זַיין גְרוֹיסֶע גְבוּרָה. און מִיר הָאט דֶער מֶלֶךְ אוֹיךְ גְוויזִין דֶעם וֶועג פוּן וַואנֶען אִיךְ זָאל נֶעמֶען מַיין זַאךְ. הָאבּ אִיךְ גִינוּמֶען פוּן דָארְט דָאס וָואס אִיךְ בַּאדַארְף (כְּלוֹמַר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט דָאס אַלְץ הָאט עֶר גִיזָאגְט אַז אִים הָאט אוֹיךְ דֶער מֶלֶךְ גְוויזִין דֶעם וֶועג פוּן וַואנֶעט עֶר זָאל נֶעמֶען זַיין זַאךְ דְהַיְינוּ תְּפִלָּה).

**און אַזוֹי הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהַאט אֵיין אוֹהֵב נֶאֱמָן** (כְּלוֹמַר אַ גוּטְן פְרַיינְט אַ גִיטְרַייעֶן) וָואס עֶר הָאט זִיךְ לִיבּ גִיהַאט מִיט דֶעם מֶלֶךְ מִיט זֵייעֶר גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט זֵיי הָאבִּין זִיךְ אַזוֹי לִיבּ גִיהַאט. בִּיז זֵיי הָאבִּין נִיט גִיקֶענְט זַיין אֵיינֶער אָן דֶעם אַנְדֶערִין אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אַ שָׁעָה נִיט זֶעהְן. נָאר סֶע אִיז זִיךְ אָבֶּער פָּארְט פַארְהַאנְדִין צַייט וָואס מֶע מוּז נִיט זַיין אִין אֵיינֶעם.

**הָאבִּין זֵיי גִיהַאט פַּאטְרֶעטִין.** וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט זֵייעֶרֶע בֵּיידֶע צוּרוֹת. פְלֶעגִין זֵיי זִיךְ מְשַׁעְשֵׁעַ זַיין (כְּלוֹמַר תַּעֲנוּג און נַחַת הָאבִּין) מִיט דִי צוּרוֹת דֶעמוּלְט אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ נִיט גִיקָאנְט זֶעהְן.

**און דִי צוּרוֹת זֶענֶען גִיוֶוען** אַזוֹי אוֹיס גִימָאלְט אַזוֹי ווִי דֶער מֶלֶךְ מִיט דֶעם אוֹהֵב נֶאֱמָן הָאבִּין זִיךְ לִיבּ און ווִי זֵיי קוּשְׁין זִיךְ און הַאלְדְזִין זִיךְ מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט.

**און דִי פַּאטְרֶעטִין** הָאבִּין אִין זִיךְ אַ סְגוּלָה גִיהַאט. אַז וֶוער סֶע הָאט גִיקוּקְט אוֹיף דִי צוּרוֹת הָאט עֶר גִיקְרִיגִין גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט (כְּלוֹמַר דִי מִדָּה פוּן אַהֲבָה הָאט מֶען גִיקְרִיגִין אַז מֶע הָאט גִיקוּקְט אוֹיף דִי צוּרוֹת)

**און דֶער אוֹהֵב נֶאֱמָן** הָאט אוֹיךְ גִינוּמֶען דִי אַהֲבָה (דְהַיְינוּ דָאס לִיבְּשַׁאפְט) פוּן דֶעם אָרְט וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט אִים גְוויזִין. אִיז גִיקוּמֶען אַ צַייט. וָואס דִי אַלֶע זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין. אַז עֶר זָאל דָארְט נֶעמֶען זַיין כֹּחַ פוּן זַיין זַאךְ. דְהַיְינוּ דֶער מֵלִיץ און דֶער גִבּוֹר און דִי אַלֶע לַייט פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז אִיטְלִיכֶער גִיגַאנְגֶען אִין זַיין אָרְט אַרַיין עֶר זָאל דָארְט בַּאנַייעֶן זַיין כֹּחַ.

**וַיְהִי הַיּוֹם אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רוּחַ סְעָרָה** (דְהַיְינוּ אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט) אוֹיף דֶער וֶועלְט. און דֶער רוּחַ סְעָרָה הָאט מְבַלְבֵּל גִיוֶוען (כְּלוֹמַר פַארְמִישְׁט) גָאר דִי וֶועלְט. און עֶר הָאט אִיבֶּער

גִיקֶערְט פוּן יַם יַבָּשָׁה אוּן פוּן יַבָּשָׁה יַם. אוּן פוּן מִדְבָּר יִישׁוּב אוּן פוּן יִישׁוּב מִדְבָּר.

**אוּן עֶר הָאט גָאר דִי וֶועלְט אִיבֶּער גִיקֶערְט.** אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז אַרַיין צוּם מֶלֶךְ אִין שְׁטוּב אַרַיין. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה הָאט דָארְט גָאר נִיט גִיטָאן (כְּלוֹמַר עֶר הָאט דָארְט בַּאם מֶלֶךְ קֵיין שׁוּם שָׁאדִין נִיט גִיטָאן) נָאר עֶר אִיז אַרַיין (דֶער רוּחַ סְעָרָה) אוּן הָאט אַוֶועק גִיחַאפְּט דָאס קִינְד פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה הַנַּ"ל.

**אוּן אִין דֶעם אוּמְפִּיט.** תֵּיכֶף וִוי עֶר הָאט אַוֶועג גִיחַאפְּט דָאס טַייעֶר קִינְד. אִיז תֵּיכֶף דִי בַּת מַלְכָּה נָאךְ (כְּלוֹמַר דִי בַּת מַלְכָּה הָאט תֵּיכֶף אָנְגִיהוֹיבִּין נָאךְ לוֹפִין נָאךְ דֶעם קִינְד זִי זָאל עֶס קְרִיק חַאפִּין. אִיז זִי אוֹיךְ עֶרְגִיץ אַוֶועק אוּן מֶע ווייסְט נִיט וִוי) אוּן אַזוֹי דִי מַלְכָּה.

**אוּן אַזוֹי דֶער מֶלֶךְ** זֶענֶען אַלֶע נָאךְ. נָאךְ דֶעם קִינְד. בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין. אוּן מֶע ווייסְט נִיט וואוּ זֵיי זֶענֶען. אוּן מִיר אַלֶע זֶענֶען דֶערְבַּיי גָאר נִיט גִיוֶוען. וָוארִין מִיר זֶענֶען דֶעמוּלְט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין צוּ בַּאנַייעֶן זַיין כֹּחַ כַּנַּ"ל. אוּן וִוי מִיר זֶענֶען צוּרִיק גִיקוּמֶען. הָאבִּין מִיר זֵיי אַלֶע שׁוֹין נִיט גִיפוּנֶען כַּנַּ"ל.

**אוּן דִי יַד אִיז אוֹיךְ פַארְפַאלִין גִיוָוארִין** דֶעמוּלְט. אוּן פוּן דֶעמוּלְט אָן. זֶענֶען מִיר אַלֶע צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין. אוּן מִיר קֶענֶען שׁוֹין נִיט גֵיין אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין. צוּ בַּאנַייעֶן זַיין כֹּחַ. וָוארִין אַז דִי וֶועלְט אִיז שׁוֹין אִיבֶּער גִיקֶערְט גִיוָוארִין. בַּאדַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין אַנְדֶערֶע וֶועגִין הַיינְט.

**אִיבֶּער דֶעם קָאנֶען מִיר שׁוֹין נִיט אַרוֹיף גֵיין** וִוידֶער אִיטְלִיכֶער אִין זַיין אָרְט אַרַיין עֶר זָאל נֶעמֶען זַיין כֹּחַ. נָאר דִי רְשִׁימָה וָואס בַּיי אִיטְלִיכְן אִיז גִיבְּלִיבְּן (כְּלוֹמַר דֶער צֵייכְן דְהַיינוּ דָאס בִּיסְל כֹּחַ וָואס סֶע אִיז נָאךְ בַּיי אִיטְלִיכְן גִיבְּלִיבְּן פוּן לַאנְג) אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס.

**אוּן אוֹיבּ דֶער גִיבּוֹר** (וָואס דִי מְדִינָה הָאט פַאר אִים מוֹרָא גִיהַאט) אִיז דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אִיז עֶר בְּוַודַאי זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר (דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פַאר דִי לַייט הַנַּ"ל) אוּן זֵיי הָאבִּין אוֹיס גִיהֶערְט זַיינֶע רֵייד אוּן הָאבִּין זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט.

**אוּן זֵיי הָאבִּין שׁוֹין גִיהַאלְטִין** דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה בַּיי זִיךְ. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט אַוֶועק לָאזִין פוּן זִיךְ (וָוארִין טָאמֶער דֶער גִבּוֹר וָואס עֶר וִויל אָנְקוּמֶען אוֹיף זֵיי. אִיז עֶר דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַּ"ל וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה קָאן זִיךְ מִיט אִים).

**אוּן דֶער גִבּוֹר הַנַּ"ל אִיז אַלֶע מָאל צוּ גִיקוּמֶען** נֶענְטֶער צוּ דֶער מְדִינָה אוּן עֶר הָאט אַלֶע מָאל גִישִׁיקְט זַיינֶע שְׁלוּחִים צוּ זֵיי. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶער מְדִינָה אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאט אוּן הָאט צוּ זֵיי אַרַיין גִישִׁיקְט זַיינֶע שְׁלוּחִים. (אַז זֵיי זָאלִין אִים זָאגִין וָואס זֵיי ווִילִין צוּ אוּנְטֶער גִיבִּין זִיךְ צוּ נֵיין כַּנַּ"ל)

**הָאבִּין זֵיי זֵייעֶר גְרוֹיס מוֹרָא גִיהַאט פַאר אִים.** הָאבִּין זֵיי גִיבֶּעטִין דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז עֶר זָאל זֵיי אֵיין עֵצָה גֶעבִּין. הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה צוּ זֵיי גִיזָאגְט. מֶען בַּאדַארְף קְלֶערִין. דָאס פִּירִיכְץ פוּן דֶעם גִבּוֹר. כְּדֵי עֶר זָאל דוּרְךְ דֶעם דֶערְקֶענֶען. אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַּ"ל.

**אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.** אוּן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען צוּם גִבּוֹר. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ זַיין חַיִל פוּן דֶעם גִבּוֹר. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁמוּסִין מִיט אֵיין גִבּוֹר פוּן דִי גִבּוֹרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם גִבּוֹר (דְהַיינוּ מִיט אֵיינֶעם פוּן דִי ווָארְטֶעס) (כְּדֵי עֶר זָאל קְלֶערִין אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער גִבּוֹר וָואס עֶר קָאן זִיךְ מִיט אִים)

**הָאט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיפְרֶעגְט.** וָואס אִיז אַייעֶר טוּן. אוּן וִוי אַזוֹי זֶענְט אִיר אַייךְ צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען מִיט דֶעם גִבּוֹר הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט (דְהַיינוּ דֶער אֵיינֶער פוּן דִי גִבּוֹרִים הָאט גִיעֶנְפֶּערְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גִיוֶוען.

**בַּאֲשֶׁר סֶע פַארְשְׁרִיבְּן** אִין זֵייעֶרֶע קְרוֹנִיקֶעס. אַז סֶע אִיז אַמָאל גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רוּחַ סְעָרָה (דְהַיינוּ אַ שְׁטוּרִים ווִינְט) אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דֶער רוּחַ סְעָרָה. הָאט אִיבֶּער גִיקֶערְט גָאר דִי וֶועלְט. עֶר הָאט אִיבֶּער גִיקֶערְט פוּן יַם יַבָּשָׁה אוּן פוּן יַבָּשָׁה יַם אוּן פוּן מִדְבָּר יִישׁוּב אוּן פוּן יִישׁוּב מִדְבָּר.

**אוּן עֶר הָאט גָאר דִי וֶועלְט פַארְמִישְׁט.** אוּן נָאךְ דֶעם רַעַשׁ וָואס גָאר דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי פַארְמִישְׁט גִיוָוארְן. נָאךְ דֶעם הָאבְּן זִיךְ דִי מֶענְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. זֵיי וִוילִין זִיךְ מַאכִין

אַ מֶלֶךְ. **הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלֶערִין.** וֶוער סֶע אִיז רָאוּי אַז מֶען זָאל אִים מַאכִין פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי.

**הָאבִּין זֵיי גִיקְלֶערְט.** בַּאֲשֶׁר דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ נָאר דֶער תַּכְלִית. דְרִיבֶּער. וֶוער סֶע פָּארִיט זִיךְ מֶער אוּן אִיז זִיךְ מֶער מִשְׁתַּדֵל אִין דֶעם תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט דֶער דָאזִיגֶער קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ קְלֶערִין. וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית. אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גִיוָוארִין כַּמָּה דֵעוֹת.

**אַ טֵייל הָאבִּין גִיזָאגְט.** אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז כָּבוֹד. וָוארִין מִיר זֶעהְן זִיךְ אַז כָּבוֹד אִיז דֶער עִיקָר בַּיי דֶער וֶועלְט. וָוארִין אַז מֶען גִיט נִיט אָפּ דֶעם מֶענְשְׁן זַיין כָּבוֹד. דְהַיְינוּ אַז מֶע רֶעט אִים עֶפֶּעס אַ וָוארְט אַקֶעגִין זַיין כָּבוֹד. הָאט עֶר שְׁפִיכוּת דָמִים. וָוארִין דֶער עִיקָר אִיז דֶער כָּבוֹד בָּיי גָאר דֶער וֶועלְט. אוּן נָאךְ דֶעם טוֹיט הִיט מֶען אוֹיךְ אָפּ. אַז מֶען זָאל אָפְּגִיבִּין דֶעם מֵת זַיין כָּבוֹד.

**אַז מֶען זָאל אִים מְקַבֵּר זַיין** מִיט כָּבוֹד אוּן דֶעסְט גְלַייכִין. (אוּן מֶען זָאגְט אִים וָואס מֶע טוּט דִיר טוּט מֶען דִיר אַלְץ פוּן דַיין כָּבוֹד וֶועגִין) חָאטְשֶׁע נָאךְ דֶעם טוֹיט. וִויל מֶען שׁוֹין נִיט קֵיין גֶעלְט אוּן דֶער מֵת גְלוּסְט שׁוֹין בְּוַודְאַי נִיט קֵיין שׁוּם זַאךְ. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט אוֹיף דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם מֵת אִיז מֶען מַקְפִּיד. אוּן מֶע הִיט אִים אָפּ זַיין כָּבוֹד.

**נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער כָּבוֹד** דֶער עִיקָר תַּכְלִית. אוּן נָאךְ אַזוֹינֶע סְבָרוֹת אוּן גִידְרַאנְגֶען אַזוֹינֶע הָאבִּין דִי דָאזִיגֶע אַלְץ גִיזָאגְט. אַז כָּבוֹד אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט. בִּיז סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיבְּלִיבְּן. אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז כָּבוֹד.

**אִיבֶּער דֶעם מוּז מֶען זוּכִין אֵיין אִישׁ מְכוּבָּד** (כְּלוֹמֶר אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט כָּבוֹד) אוּן דֶערְצוּ זָאל דֶער מֶענְטְשׁ נָאךְ יָאגִין נָאךְ כָּבוֹד. וָוארִין וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט כָּבוֹד אוּן יָאגְט נָאךְ דֶעם כָּבוֹד. אוּן עֶר הֶעלְפְּט דִי טֶבַע וָואס זִי ווִיל כָּבוֹד.

**נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִשְׁתַּדֵל** אוּן גֵייט נָאךְ דֶעם תַּכְלִית. אוּן הָאט דֶערְלַאנְגְט דֶעם תַּכְלִית. וָוארְן דֶער תַּכְלִית אִיז זִיךְ כָּבוֹד. כַּנַ"ל.

**אִיבֶּער דֶעם דֶער מֶענְשׁ קֶער צוּ זַיין מֶלֶךְ** (אַזוֹי אִיז אַלְץ גִיוֶוען דִי נַארִישֶׁע דֵיעָה פוּן אַ טֵייל פוּן זֵיי. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אַזוֹי גִיפוּנֶען נַארִישֶׁע סְבָרוֹת. אוּן גִידְרַאנְגֶען בִּיז זֵיי זֶענֶען דְרִינֶען פַארְפִירְט גִיוָוארִין. אוּן הָאבִּין גִיזָאגְט אַז כָּבוֹד אִיז דֶער תַּכְלִית. אוּן אַזוֹי דִי אַלֶע כִּתּוֹת וָואס דָא וֶועט וַוייטֶער שְׁטֵיין הָאבִּין זֵיי אַלֶע גִיהַאט נַארִישֶׁע גִידְרַאנְגֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע דֵעוֹת) **זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען זוּכִין** אַזוֹי אַ מֶענְשְׁן.

**זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאבִּין גִיזֶעהְן. וִוי מֶע הָאט גִיטְרָאגִין אֵיין אַלְטִין בֶּעטְלֶער אַ צִיגַיינֶער. אוּן סֶע זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען אֶפְשֶׁר פִינֶעף הוּנְדֶערְט צִיגַיינֶערְס.

**אוּן דֶער בֶּעטְלִיר** אִיז גִיוֶוען בְּלִינְד אוּן קְרוּם אוּן שְׁטוּם. אוּן דִי לַייט זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען וָוארִין זֵיי אַלֶע זֶענֶען גִיוֶוען זַיין מִשְׁפַּחְתִירֶע וָוארִין עֶר הָאט גִיהַאט שְׁוֶועסְטֶערְס. אוּן בְּרוּדֶערְס. אוּן זַיין זֶרַע מְרֵעִים. בִּיז סֶע אִיז פוּן זֵיי גִיוָוארִין אַזוֹי פִיל. דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען אִים נָאךְ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין אִים גִיטְרָאגִין.

**אוּן דֶער אַלְטֶער בֶּעטְלֶער** הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גִיוֶוען אוֹיף זַיין כָּבוֹד. וָוארִין עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר בֵּייז. אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַלֶע מָאל אוֹיף זֵיי אַ גְרוֹיסִין בֵּייזֶער גִיטָאן. אוּן הָאט אַלֶע מָאל גִיהֵייסִין אַז אַנְדֶערֶע זָאלִין אִים טְרָאגִין. אוּן הָאט זִיךְ אַלֶע מָאל גִיבֵּייזֶערְט אוֹיף זֵיי.

**נִמְצָא אִיז זִיךְ דֶער אַלְטֶער בֶּעטְלֶער** אַ גְרוֹיסֶער אִישׁ מְכוּבָּד. וָוארִין עֶר הָאט אַזוֹי אַ כָּבוֹד. אוּן יָאגְט אַזוֹי נָאךְ דֶעם כָּבוֹד. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף זַיין כָּבוֹד. אִיבֶּער דֶעם אִיז דֶער בֶּעטְלֶער זֵיי גִיפֶעלִין.

**אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ.** אוּן וַוייל דָאס לַאנְד אִיז אוֹיךְ גוֹרֵם. וָוארִין סֶע פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס דִי מְדִינָה אִיז גוֹרֵם אוּן זִי אִיז מְסוּגָל צוּ כָּבוֹד. אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדִין אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז מְסוּגָל צוּ אֵיין אַנְדֶערֶע מִדָּה.

**אִיבֶּער דֶעם. הָאבִּין דִי כִּיתָּה** (וָואס בַּיי זֵיי אִיז גִיוֶוען דֶער עִיקָר תַּכְלִית כָּבוֹד) גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז גוֹרֵם אוּן מְסוּגָל צוּ כָּבוֹד. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז מְסוּגָל דֶערְצוּ הָאבִּין זֵיי זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט.

# "גאר מיין זאך איז תפלה"

## טייערע ברסלב'ער אינגל, פארוואס זאלסטו נישט קענען
## די מעשה פון דער בעל תפלה?
## דיין דאווענען, דיין שמחה, דיין באנעמונג וועט אויסקוקן אינגאנצן
## אנדערש, דו וועסט שפירן א טעם אין לעבן, אין תורה און אין תפלה

כאפ זיך מיט!!!

## בחינה אויף ספורי מעשיות

### די צוועלעוועטע מעשה (5) - מבעל תפילה

**א. וויאזוי איז דער גבור געווען שטארק?**
- ❑ פון זיך אליין
- ❑ דער מלך האט אים געוויזן פון וואו ער זאל נעמען גבורה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואו הענגט די שווערד?**
- ❑ אויף די זוילן פון דער וועלט
- ❑ אין דער לופטן
- ❑ עס איז געליגן אויף א בארג

**ג. וואס פאסירט ווען מ'הייבט אויף דעם שווערד?**
- ❑ אלע עלצטע (שרים) אנטלויפן
- ❑ אלע פאלן
- ❑ זיי באקומען די קרענק וואס הייסט דאר ר"ל

**ד. פון וואו האט דער גבור געוואוסט פון דעם שווערד?**
- ❑ ער האט אליין געהאט אזא שווערד
- ❑ דער קעניג האט אים געוואזן דעם וועג צום שווערד
- ❑ דער בעל תפלה האט אים געוואזן דעם וועג צום שווערד

**ה. וויאזוי האבן די אותה נאמן און דער מלך אויסגעהאלטן אין די צייט וואס זיי קענען נישט זיין צוזאמען?**
- ❑ זיי האבן אינגאנצן מסיח דעת געווען איינער פון צווייטן
- ❑ זיי זענען אייביג געווען צוזאמען
- ❑ זיי האבן געהאט פאטערטן וואס איז געווען אויסגמאלט זייערע ביידע צורות האבן זיי זיך דעמאלט משעשע געווען מיט דעם

**ו. וואספארא סגולה האבן געהאט די פאטערטין?**
- ❑ אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם איז געהאלפן געווארן מיט קינדער
- ❑ אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם האט באקומען די מדה פון אהבה
- ❑ אז ווער ס'האט געקוקט אויף דעם איז געהאלפן געווארן מיט עשירות

**ז. וואס איז געשען איינמאל ווען זיי זענען געגאנגען באניין זייערע כוחות?**
- ❑ עס איז געווען א גרויסע שטורעם ווינט אויף דער וועלט
- ❑ זיי זענען געבליבן דארטן און האבן נישט געקענט צוריק קומען
- ❑ עס איז געווען א גרויסע שטורעם ווינט אין די מדינה פונעם גבור

**ח. וואס האט דער שטורעם ווינט געמאכט?**
- ❑ איבערגעדרייט פון ים צו יבשה און פון יבשה צו ים
- ❑ איבערגעדרייט פון מדבר צו ישוב און פון ישוב צו מדבר
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט דער שטורעם ווינט געמאכט אין שטוב פונעם מלך?**
- ❑ עס האט אלעס איבערגעדרייט
- ❑ עס האט אלעס שאדן געמאכט
- ❑ עס האט ארויס געכאפט דאס קינד פון בת מלכה

**י. ווער איז נאכגעלאפן נאך דאס קינד**
- ❑ די בת מלכה און די מלכה
- ❑ דער מלך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יא. זענען די מלך, מלכה, און בת מלכה גלייך צוריק געקומען?**
- ❑ יא
- ❑ זיי האבן צוזאמען פארבלאנדזעט
- ❑ זיי זענען צושפרייט געווארן און מ'האט נישט געוואוסט וואו זיי זענען

**יב. וואס נאך איז פארלוירן געווארן ביים שטורעם ווינט?**
- ❑ די יד פונעם מלך
- ❑ די שווערד פונעם גבור
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. נאכ'ן שטורעם ווינט האבן זיי נאכאמאל געקענט באניין זייער כח? און פארוואס?**
- ❑ ניין, ווייל יעצט דארף מען שוין ניי ווערן
- ❑ יא, ווייל די ווערן זענען געבליבן
- ❑ יא, ווייל זיי האבן געטראפן א נייע ווערג

**יד. פארוואס האט מיין כתה געזאגט אז דער תכלית איז כבוד?**
- ❑ ווייל אזוי האט זיי א עהרליכער איד געזאגט
- ❑ ווייל ביי די וועלט איז דער עיקר די כבוד
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. וועלכע קעניג האבן די כת פון כבוד געטראפן?**
- ❑ א אלטער בעטלער א ציגיינער וואס האט זייער מקפיד געווען אויף זיין כבוד
- ❑ א אלטער פעשער מענטש
- ❑ א אינגער מענטש וואס האט א גאנצן טאג גערעדט פון זיין כבוד

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**
- ❑ אז דער גאנצער תכלית אויף דער וועלט איז__________________________________.
- ❑ אז כבוד איז נישט דער____________________________.
- ❑ _______________________________________________.

?

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149

אלע קינדער וואס האבן געווינען די לעצטע וואכן קענען דאס אפנעמען ביי ר' יואל יאראוויטש אדער בן איש חי 54 דירה 11







**בַּאשֶׁעפֶּער! רַאטֶעוֶועט מִיר פוּן דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק, אוּן אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה.**